# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מטות מסעי תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 492



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א נצחיות'יגע ישועה – נאר דורך תפילה

"אִישׁ כִּי יִדֹּר נֶדֶר לַה' אוֹ הִשָּׁבַע שְׁבֻעָה לֶאְסֹר אִסָּר עַל נַפְשׁוֹ לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה" (ל ג)

דער 'בני יששכר' ברענגט אין נאמען פון זיין רבי'ן דער 'חוזה מלובלין', כאטש אמאל קען דער מענטש געהאלפן ווערן אויך אן קיין תפילה, נאר "על ידי דיבור בעלמא שאומר 'יהא כך וכך', ובאם הוא עת רצון מתקיים דברו", פון דעסטוועגן דער וואס האט געדאוונט און זיין תפילה איז אנגענומען געווארן איז נישט ווי דער וואס זיין וואונטש איז ערפילט געווארן אן ער זאל דאווענען. ווייל דער וואס איז געהאלפן געווארן ווייל עס איז פונקט געווען א עת רצון קען זיין אז די ישועה וועט נישט זיין אויף אייביג, דאקעגן דער וואס האט געדאוונט און עס איז אנגענומען געווארן, איז ער פארזיכערט אז זיין ישועה וועט האבן א קיום.

מיט דעם טייטש דער 'בני יששכר' דעם פסוק אין תהלים (סט יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן אֱלֹקִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ"; דוד המלך ע"ה זאגט: "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן" - ווייל אויך אין די 'עת רצון' האב איך באשלאסן צו דאווענען און זיך נישט באגענוגן מיט א דיבור בעלמא, דערפאר "עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ" - מיט א אמת'דיגע ישועה וואס וועט האבן א קיום.

דער גאלאנטער רב, **רבי יהושע בוקסבוים הי"ד**, טייטש מיט דעם די קשר צווישן די דריי פסוקים אין תנ"ך וואס אין זיי שטייט די ווארט "יַחֵל": א. אונזער פסוק. ב. "יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה' כִּי עִם ה' הַחֶסֶד" (תהילים קל ז) ג. "יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה' מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם" (שם קלא ג); כאטש אז אין א 'עת רצון' וועט הקב"ה "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ" פון דער מענטש אויך ווען ער האט נישט אינזין געהאט צו בעהטן, פון דעסטוועגן "יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל ה'" דורך תפילה, ווייל נאר דורך תפילה וועט די ישועה זיין "מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם", אויף שטענדיג.

'בני יששכר' מאמרי השבתות מאמר ח אות טז; 'אור פני יהושע'

### אפוואשן מיט טרערן פון תשובה

"כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר אַךְ בְּמֵי נִדָּה יִתְחַטָּא וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בַמָּיִם" (לא כג)

אונזער פסוק - טייטש אויס דער **'בן איש חי'** - לערנט אונז די וועג וואס דורך דעם ווערט דער זינדיגער אינגאנצן ריין אויך נאכן חורבן בית המקדש:

"כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ" - א זינד וואס בזמן שבית המקדש היה קיים איז עס מכופר געווארן דורך א קרבן וואס מען איז מקריב אויף די פייער פון די מזבח, "תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר" - אין אונזערע צייטן וועט זיין די כפרה דורך לערנען תורה וואס ווערט אנגערופן "אש" (ירמיהו כג כט), ד.מ. לערנען די פרשה וואס רעדט פון דער קרבן, אזוי ווי חז"ל זאגן (מנחות קי א): "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת". אבער, אויסער לערנען תורה, "אַךְ בְּמֵי נִדָּה יִתְחַטָּא" - זאל ער אויך חרטה האבן און זיך אפוואשן מיט זיינע טרערן, און ווי מער ער וועט פארמערן דאס צו טוהן, וועט זיין טהרה זיין חשובער.

"וְכֹל אֲשֶׁר לֹא יָבֹא בָּאֵשׁ" - א זינד וואס אויך בזמן שבית המקדש היה קיים האט נישט געדארפט א כפרה דורך א קרבן, צ.ב.ש. ליצנות, כעס, שקר א.ד.ג., אויך יעצט "תַּעֲבִירוּ בַמָּיִם וְטָהֵר" - אויב ער וועט וויינען און תשובה טוהן מיט טרערן וועט ער זוכה זיין צו א כפרה.

'אדרת אליהו'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן – כלל ישראל'ס באשיצונגס-מויער

ענטפערן אמן, אויסער וואס דאס איז א גרויסע מצוה, איז עס אויך ווי א באשיצונגס-מויער אויף דאס אידישע פאלק. אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (תנד"א רבה יא) דעם פסוק וואס דבורה הנביאה האט געזאגט אין איר שירה, נאך די זיג פון די אידן ביי די מלחמה מיט סיסרא (שופטים ה ב): "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" (שופטים ה ב) - "וועלעכע דברי נביאה האט דבורה געזאגט אויף כלל ישראל? אזוי האט זי זיי געזאגט: אין וועמענ'ס זכות שטראפט הקדוש ברוך הוא פון די פעלקער צוליב די אידן? אין זכות פון די וואס שטייען אויף פרי צו די שוהלן און בלייבן דארט ביז שפעט, און ענטפערן אמן און לויבן הקב"ה דורכן ענטפערן אמן, אזוי ווי עס שטייט: 'בפרע פרעות בישראל', אין זכות פון 'בהתנדב עם ברכו ה'".

אויך היינט צוטאג, ווען די פיינט פון דאס אידישע פאלק פרובירן ווייטער אונז שלעכט'ס טוהן, זעהן מיר קלאר מיט אונזערע אויגן וואס די חז"ל זאגן, אז הקב"ה שטראפט זיי און האלט זיי צוריק פון צו קענען אויספירן זייער ווילן. דאס קומט נאר אין זכות פון אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן! עס איז נישט קיין ספק אז די מיליאנען אמנ'ס וואס ווערן געזאגט יעדן טאג זענען א מויער וואס באשיצט די אידן פון זייערע פיינט.

א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין אונזער פרשה, אין דער פסוק וואס שילדערט די וועג וויאזוי די 'פקודי החיל' האבן מבשר געווען פאר משה אז קיינער פון די וואס זענען ארויס אין די קאמף מיט מדין זענען נישט גע'הרג'עט געווארן ביי די שלאכטן (במדבר לא מט): "עבדיך נשאו את ראש אנשי המלחמה אשר בידינו ולא נפקד ממנו איש". די ראשי תיבות: "**נ**פקד **מ**מנו **א**יש" איז 'אמן', אונז צו לערנען אז ענטפערן אמן האט געהאלפן אויף די וואונדערליכע הצלחה פון די נקמה פון ה' אין מדין, און אז קיינער איז נישט גע'הרג'עט געווארן ביי די מלחמה.

איך וועל צולייגן אז די געדאנק איז אויך מרומז אין די גמרא (ברכות נג ב), וואס ווען מען שילדערט די מעלה פון ענטפערן אמן, דער וואס ענטפערט אמן ווערט צוגעשטעלט צו דעם גיבור וואס געווינט די שלאכט. טראץ די ווערטער זענען געזאגט געווארן ווי א משל, דאך ליגט אין דעם אויך א פשוטע פשט, און עס איז זיכער מרמז אויף די אויבנדערמאנטע סגולה פון ענטפערן אמן, וואס דאס איז דער 'גיבור' וואס אין זיין זכות ווערן די אידן געראטעוועט פון זייערע פיינט.

עס וועט קומען דער טאג וואס יעדער איינער פון די וואס האבן זוכה געווען מקפיד זיין צו ענטפערן אמן מיט אלע כוחות, און פאררעכנט ווערן א 'שומר אמונים', וועט דערשטוינט ווערן צו זעהן וויפיל נפשות ער האט געראטעוועט און וויפיל צרות האט ער מצליח געווען צו פארמיידן א דאנק זיין מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן. און ווער ווייסט, אפשר אויך די מצוות וואס יענע געראטעוועטע האבן מקיים געווען נאכדעם וואס זיי זענען געראטעוועט געווארן, וועט צוגעלייגט ווערן אויף זייער חשבון...

טייערע אידן! דאס אידישע פאלק דארף א באשיצונגס-מויער, קענען מיר איגנארירן די פאקט אז מיר האבן עס אין די אייגענע הענט?! חז"ל פאדערן נישט פון אונז מער פון וואס עס ליגט אויף אונז, זיי טראגן פאר אונז אן א פשוטע זאך: זייט מקיים די הלכה, און אזוי וועלן אייך בויען א באשיצונגס-מויער, זייט מקפיד צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא יעדן אינדערפרי, און אזוי וועלן ענק זוכה זיין באשיצן כלל ישראל וואו זיי זענען, און צו ענקער זכות וועט צוקומען אן א צאל זכויות.

**מיט א רוף "ולא נפקד ממנו איש"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## די אנדערע זייט פון די סידור...

ענדע יאר תש"ה. די קאנצענטראציע לאגער מאוטהאוזן אין עסטרייך. אין דער צייט וואס דער רויך פון די קרעמאטאריום האט זיך נאך געפילט אין לאגער, האט ערשיינט רבי אליעזר סילווער זצ"ל, דער באוואוסטער רב פון סינסינעטי - אוהיא, און פון ראשי אגודת הרבנים אין אמעריקע, און וועלכער איז געווען טעטיג אין דער צייט פון די גרויסע חורבן און נאכדעם פאר די איבערלעבער פון די לאגערן.

הרב סילווער איז אנגעקומען צוזאמען מיט די אמעריקאנער זעלנער - די וואס האבן באפרייט די לאגער, און מיט מסירות נפש איז ער ארומגעגאנגען צווישן די הויפן פאררויכערטע אַש, ווען ער האט זיך צוזאמענגענומען ארום זיך פארווייטאגטע נשמות, מענטשן וואס האבן אויסגעזען ווי א שאטן, אסאך פון זיי האבן פארלוירן די געפיהל אין זייער לעבן.

הרב סילווער האט דארטן אויפגעשטעלט א פראוויזארישע שול פאר די פליטים, און ווען עס איז אנגעקומען שבת-ביינאכט האט ער צוזאמען מיט זיי געווארט עס זאל זיך צונויפנעמען א מנין אויף קבלת שבת. אכט איבערלעבער פונעם גרויסן פייער זענען געזיצן און געווארט אינאיינעם מיט הרב סילווער אויף א 'צענטן'.

איינער פון די לעבנגעבליבענע האט זיך אנגעטראגן ארויסגיין זוכן א צענטן, און זייער שנעל האט ער אים געפונען. אינדרויסן פון שול איז געשטאנען א איד, מיט א הוילן קאפ און זיין אויסקוק איז גלייכגילטיג און פרעמד. "ר'



די מאוטהאוזן לאגער אין עסטרייך

איד", האט ער זיך געוואנדן צו אים פריינדליך, "מיר זענען דא ניין מתפללים, מיר האבן נישט מער, אפשר קענסטו משלים זיין און זיין דער צענטער?".

ער האט זיך געגרייט אז דער איד וועט זיך ארויסדרייען, אבער ער האט נישט געגלייבט צו הערן אזא ענטפער: "מיך אינטערעסירט נישט אייערע תפילות!", האט דער מענטש זיך גערעגט, "איך וויל נישט זען א סידור אדער א שול! לאז מיך אפ!".

ער איז צוריק אין שול, אנגעווייטאגט און צובראכן, ער האט איבערגעזאגט פאר הרב סילווער די ענטפער וואס ער האט באקומען, און אים פארגעשלאגן ער זאל פרובירן זיך ווענדן צו אים אליין, האפענדיג אז צו וועט ער כאטש האבן דרך ארץ.

הרב סילווער האט נישט געקווענקלט. ער איז ארויסגעגאנגען צו יענעם, ארויפגעלייגט זיין האנט אויף יענעמ'ס אקסל און ערקלערט מילד, ווי חשוב איז און ווי שטארק עס לוינט אים אריינצוקומען, אבער דער מענטש האט זיך געהאלטן ביי זיינ'ס; "ענקער שול פאראינטערעסירט מיך נישט!", האט ער געשריגן מיט חוצפה, "איך וויל נישט זען מער רעליגיעזע מענטשן, איך וויל נישט זען א סידור...".

ווען דער רב האט פארשטאנען מיט וועמען ער האנדלט דא, האט ער באשלאסן אים צורוה לאזן, אבער ער האט פון פריער געבעטן א ערקלערונג; "איך פארשטיי אז דו ווילסט נישט דאווענען, אבער וואס מאכט דיר אזוי פיינט האבן?"

אלס רעאקציע האט דער מענטש אנגעקוקט הרב סילווער אין די אויגן און דערציילט קורצערהייט זיין שוידערליכע געשיכטע:

"איך בין געווען אין די מאוטהאוזן לאגער," האט ער געזאגט, "אויף די בעט אונטער מיר איז געלעגן א רעליגיעזער איד, וואס איז אים געלונגען אריינ'גנב'ענען א סידור אין לאגער. דאס איז געווען דער איינציגער סידור אין דעם גאנצן באראק, און די פאדערונג אויף דעם איז געווען גרויס; יעדן אינדערפרי', פון פינף אזייגער ביז זעקס אזייגער האט זיך געשלענגלט א לאנגע רייע נעבן זיין בעט, יעדער האט געוואלט אניאגן צו דאווענען עפעס פון די סידור, דער מענטש האט איבערגעגעבן דעם סידור פון האנט צו האנט ווי יעדער דאוונט די שטיקל וואס ער האט אויסדערוועלט, געליינט קריאת שמע און איבערגעגעבן דעם סידור צו דער וואס קומט נאך אים.

אבער וואס? דער מאן האט עס נישט געטון אומזינסט, ער האט זיך אויסגענומען פון פריער צו באקומען א באצאלונג אויף דעם. פארן נוצן דעם סידור, האט ער געפאדערט פון יעדן העלפט פון זיין טעגליכע ברויט פארציע. די גאנצע פארציע ברויט איז געווען זייער מאגער, און יענע אידן האבן געמוזט זיך געזעגענען פון העלפט און הונגערן, יא הונגערן, אז זייער לעבן איז געווען איינגעשטעלט. אין די צייט וואס אלע ארעסטאנטן פון לאגער זענען געווען הויט און ביין, איז ער שטענדיג געווען זאט און אנגעגעסן.

אויב אזוי קוקן אויס די רעליגיעזע און די סידורים, וויל איך נישט האבן קיין שייכות מיט קיינעם פון זיי!" - האט דער מענטש אויסגעפירט און האט אנגעהויבן זיך דערווייטערן פון דארט.

אבער נישט אזא מענטש ווי הרב סילווער וועט אזוי שנעל אויפגעבן: "איך פארשטיי דיך זייער גוט", האט ער אים געזאגט, "אבער פון דעסטוועגן, וואלט איך דיך געבעטן זאלסט אויסהערן א קליינע מעשה וואס איך וויל דיר דערציילן, און איר זאלט וויסן פון פריער אז דערנאך וואס איר וועט הערן די געשיכטע וועט איר מסתמא אריינקומען משלים זיין אונזער מנין...".

צו דעם האט דער מענטש מסכים געווען, און הרב סילווער האט דערציילט פאר דעם מענטש די זעלבע מעשה, וואס ער האט אים ערשט דערציילט, נאר ער האט באשלאסן אים פארשטעלן די אנדערע זייט פון די געשיכטע:

"אין מאוטהאוזן לאגער איז געווען בלויז איין סידור, וואס דער אייגנטומער האט אויסגענוצט די לאגע, און אן זיך צו שעמען האט ער פארלאנגט אז יעדער איד וואס האט געוואלט נוצן דעם סידור, זאל באצאלן דערפאר א האלב פון זיין טעגליכע ברויט פארציע.

די ארעסטאנטן פונעם לאגער האבן געליטן פון הונגער, אבער דאס אלעס האט זיי נישט אפגעהאלטן פון צו שטיין אין די רייע יעדן טאג, און אריינלייגן אין א געפאר די אויסזוכטן דורכצוקומען ביים לעבן יענעם טאג, אלעס כדי צו האבן די זכי' צו זאגן א דיבור פארן באשעפער פון דער טייערער סידור.

געדענקט, אז דאס זענען מענטשן וואס האבן שוין לאנג פארלוירן אלעס וואס זיי האבן געהאט, זיי האבן איבערגעלאזט אין די קרעמאטאריום עלטערן און געשוויסטער, ווייב און קליינע קינדער, און דאך האבן זיי זיך ווייטער מחזק געווען אין אהבת ה' און אין זיין אמונה, אזוי ווייט אז זיי זענען גרייט געווען מקריב זיין א שעה פון זייער קורצע שלאף און א האלב פון זייער מאגערער ברויט נאר צו זאגן 'שמע ישראל' און זיך מדבק זיין אין השי"ת זייענדיג אין אזא פינסטערניש.

"טייערער איד, זעה נאר דאס אידישע פאלק אין זיין שיינקייט", האט הרב סילווער אויסגעפירט, ווען ער באמערקט ווי א טרער רינט ארויס פון יענעמ'ס אויגן, "קלייב ביטע אויס צו זען די אנדערע זייט פון דער געשיכטע, קוק נישט אויף דעם איד וואס האט געהאט אזא ביטערער גורל און האט ליידער דערגרייכט צו אזא נידריקייט, קוק אויף יענע טייערע אידן, אפילו אין די שווערע צייטן האבן זיי אויסדערוועלט זיך האלטן מיט זייער אמונה און דערפאר מקריב זיין זייער לעצטע שטיקל ברויט".

הרב סילווער האט פארענדיגט זיינע ווערטער ווען ער דרוקט מיט א ווארעמקייט די האנט פון דעם מענטש. עס איז קיין וואונדער געווען ווען יענער האט באשלאסן קומען משלים זיין צו מנין.

די שוידערליכע ערציילונג איז געהערט געווארן פון די מויל פון הער שמעון וויזענטאל, וועלכער איז באקאנט געווארן מיט זיין טיטול 'נאצי יעגער', דערנאך וואס ער האט געווידמעט זיין לעבן צו כאפן און פאראורטיילן די איבערגעבליבענע נאציס. הער וויזענטאל האט דערציילט די מעשה אין די לעצטערע יארן פון זיין לעבן, אין א רעדע וואס ער האט געהאלטען אין א רבנים-קאנפערענץ וואס איז פארגעקומען אין אייראפע, ווען אין ענדע האט אויפגעשטורעמט דעם עולם ווען ער האט געזאגט:

"איך בין געווען דער איד! דער מאמענט וואס הרב סילווער האט מיך אויסגעלערנט קוקן אויף דער וועלט מיט פאזיטיווע ברילן וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן!"

'לרומם' פרשת תזריע

# די כוונה פון אמן

אנדערער". אבער אין ספר 'קרנות צדיק' (לר"א מַנִי, ברשימת הברכות שבסוף הספר) שטייט אז ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה 'והערב נא' און 'הגומל חסדים טובים' וואס זענען כולל אין זיך אויך א בקשה, זאל מען אויך אינזין עס זאל מקוים ווערן די בקשה.

## נאך א בקשה וואס איז נישט א טייל פון די ברכה

טראץ מיר האבן געזאגט אז ביים ענטפערן אמן אויף ברכות וואס האבן אין זיך אויך א שבח און אויך א בקשה, דארף מען אינזין האבן אויך 'אמת' און אויך 'יהי רצון', איז דאס געזאגט געווארן נאר ביי אזא ברכה וואס די בקשה אין פארבינדן צו די עצם ברכה, אבער ביי א ברכה וואס די בקשה איז נישט א טייל פון די ברכה, דארף מען ביים ענטפערן אמן אינזין האבן נאר אויף די ברכה. צ.ב.ש. אין די עשרת ימי תשובה לייגט מען צו צו די בקשה 'זכרנו לחיים' ביי די ברכה פון 'אבות', דאך דארף מען אינזין האבן נאר 'אמת'.

### מקורות וביאורים:

אזוי ווערט געברענגט אין ספר 'נוטרי אמן' ח"ב (פ"ג סעיפים ז-ח), אין נאמען פון 'שבט הלוי', 'אילת השחר' און 'דרך אמונה'. נאך ברענגט ער דארט (נתיבי שערים שער ג) וואס ער האט געהערט פון בעל 'שבט הלוי' וואס האט ערקלערט, כאטש מיר ווייסן אז ענטפערן אמן גייט ארויף אויף די גאנצע ברכה, איז עס געזאגט געווארן ביי א בקשה וואס איז פארבינדן צו די אינהאלט פון די אויספיר פון די ברכה, ווייל די אויספיר פון די ברכה ברענגט ארויס איר באדייט, און ביים ענטפערן אמן קען מען נישט אינזין האבן אויף א בקשה וואס געהערט נישט צו די ברכה. דערפאר אין עשרת ימי תשובה ביים ענטפערן אמן נאך די ברכה 'מגן אברהם' זאל מען נישט אינזין האבן עס זאל מקוים ווערן די בקשה "זכרנו לחיים". אזוי אויך אין די ימים הנוראים ביים ענטפערן אמן נאך די ברכה 'המלך הקדוש' זאל מען נישט אינזין האבן עס זאל ערפילט ווערן די בקשה "ובכן תן פחדך". דער 'נוטרי אמן' (שם בהערה) ברענגט דארט נאך א סברא נישט דארפן אינזין האבן ביים ענטפערן אמן אויף די בקשה 'זכרנו לחיים', ווייל דאס איז א הוספה פון די גאונים און נישט א תקנה פון די אנשי כנסת הגדולה וואס האבן אוועקגעשטעלט די נוסח התפילה (ראה רא"ש ברכות א טז). ריכטיג טאקע אז אין ספר 'עולת תמיד' (פרק כג בהערה) שטייט אז אין עשרת ימי תשובה ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה 'מגן אברהם' זאל מען אויך אינזין עס זאל מקוים ווערן די בקשה 'זכרנו לחיים', אבער אין ספר 'נוטרי אמן' (שם) שטייט אז די הלכה איז נישט געשריבן געווארן דורך דער מחבר זעלבסט.

## די כוונה פון אמן נאך ברכות השחר

נאך די ברכות השחר וואס זענען א שבח והודאה, דארף מען אינזין האבן: 'עס איז ריכטיג אז הקב"ה האט מיט דער וואס זאגט די ברכה געטוהן די טובה אויף וואס ער לויבט'. אבער נאך די ברכות 'והערב נא' און 'הגומל חסדים טובים' וואס האבן אויך א בקשה, דארף מען אויך אינזין האבן: 'יהי רצון די בקשה זאל ערפילט ווערן'.

### מקורות וביאורים:

דער של"ה (מס' תמיד נר מצוה נט) שרייבט אז ביי אלע ברכות פון שחרית זאל מען אינזין האבן: "עס איז אמת די ברכה און די שבח וואס דער מברך האט געזאגט, און איך לויב און גלייב אז די שבחים אויף ה' יתברך זענען גוט און צוגעפאסט". און זעה אויך אין 'פירוש התפילות והברכות' פון ר"י בן יקר (שם) וואס שרייבט אז ביים ענטפערן אמן אויף די ברכות שלא עשני גוי, עבד, אשה, זאל מען אינזין האבן: "איך לויב דעם אויבערשטן אויף די טובה, ווייל עס איז ריכטיג אז ער טוהט אזוי און קיין

## די כוונה פון אמן נאך די ברכות ביים דאווענען

די ברכות 'ברוך שאמר' און 'ישתבח' זענען שבח והודאה, דערפאר די 'אמן' נאך זיי ווערט געענטפערט מיט א באדייט פון 'אמת'. אויך ביים ענטפערן אמן נאך ברכות קריאת שמע שחרית און ערבית זאל מען אינזין האבן 'אמת', אויסער ביי די ברכה 'השכיבנו' וואס אין דעם איז דא בקשות, זאל מען ביים ענטפערן אמן אינזין האבן סיי 'אמת' און סיי 'הלוואי'. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז ביים ענטפערן אמן נאך די ברכה פון 'יוצר אור' און נאך די ברכה 'אהבה רבה' זאל מען אינזין האבן די צוויי כוונות, ווייל עס ליגט אין זיי אויך א בקשה.

### מקורות וביאורים:

דער 'מגן אברהם' שרייבט (קכד י) אז די ווערטער פון שו"ע (שם ו) אז מען דארף ענטפערן אמן מיט די באדייט פון 'אמת' איז געזאגט געווארן אויף די ברכות: 'ברוך שאמר', 'ישתבח' און 'גאל ישראל', ווייל זיי זענען ברכות וואס זייער אינהאלט איז נאר הודאה אן קיין בקשה, און דער 'משנה ברורה' ברענגט עס אראפ (שם כה). און זעה אין 'יסוד ושורש העבודה' (שער השיר פ"ז) וואס טייטש אז די כוונה פון אמן נאך די ברכה ישתבח איז: "אמן אז עס איז פאסיג און ריכטיג דיך צו לויבן און דאנקן מיט אט די שבחים".

אין 'קרנות צדיק' (שם) שטייט אז אלע ברכות קריאת שמע, סיי ביי שחרית און סיי ביי מעריב, ווערן גערעכנט ווי ברכות הודאה וואס מען דארף ענטפערן אמן נאך זיי מיט די באדייט פון 'אמת', אויסער די ברכה 'השכיבנו' וואס ווערט געזאגט ביי מעריב, ווייל עס זענען דארט דא בקשות זאל מען אינזין האבן ביים ענטפערן אמן סיי 'אמת' און סיי 'יהי רצון'. אבער אין 'שיח הלכה' (קכד כ) שטייט אז אויך ביי די ברכות 'יוצר אור' און 'אהבה רבה' איז דא א בקשה, דערפאר אויך ביים ענטפערן אמן נאך זיי זאל מען אינזין האבן די צוויי בקשות. און אזוי זעהט אויך אביסל אויס פון דעם וואס דער 'מגן אברהם' (שם) רעכנט אויס צווישן די ברכות הודאה וואס מען ענטפערט נאך זיי אמן מיט די באדייט פון 'אמת', די ברכות: 'ברוך שאמר', 'ישתבח' און 'גאל ישראל', און האט אויסגעלאזט די ברכות 'יוצר אור' און 'אהבה רבה'.

נאך דארף מען מעורר זיין אז די וואס פירן זיך ביי די ענדע פון די ברכה 'גאל ישראל' צו זאגן "צור ישראל קומה בעזרת ישראל ופדה כנאמך יהודה וישראל", האט עס אויך א בקשה אויף די גאולה העתידה [ראה צל"ח ברכות כא א שכתב להדיא שדברים אלו נאמרים בדרך תפילה ובקשה] אויב אזוי ביים ענטפערן אמן נאך די ברכה דארף מען אינזין האבן די צוויי כוונות, און אזוי שטייט אין 'עולת תמיד' (שם). און עס קען זיין אז דער 'מגן אברהם' האלט ווי די וואס האלטן מען זאל נישט זאגן די בקשה ביי די ברכה 'גאל ישראל'. אויף דער ענין פון די פארשידענע נוסחאות אין די ברכה זעה אין 'ליקוטי מהרי"ח (סדר ברכות קריאת שמע שלאחריה).

ביי די ברכה 'המעריב ערבים' דארף מען לויט אלעמען אינזין האבן נאר אמת, ווייל אויך אויב מיר וועלן טייטשן אז די תפילה 'א-ל חי וקיים תמיד ימלוך עלינו לעולם ועד' איז געזאגט געווארן בדרך בקשה, פון דעסטוועגן די באדייט פון די בקשה איז נישט אריינגערעכנט אין די שניט פון די ברכה און די חתימה ('נוטרי אמן' שם). אויף די ברכה 'אהבת עולם' וואס ווערט געזאגט ביי מעריב: לויט נוסח בני אשכנז ענדיגט זיך די ברכה מיט א בקשה מעין החתימה: 'ואהבתך **אל** תסיר ממנו לעולמים', אבער לויט די נוסח בני ספרד "ואהבתך **לא** תסור...", איז נישט דא קיין בקשה, נאר א ערקלערונג און אן אויסדרוק פון בטחון אז די ליבשאפט פון השי"ת צו אונז וועט פארזעצן אין פולן קראפט אויף אייביג ('בד קודש' ואתחנן).

# אמן אין די רונד פון די יאר

## בין המצרים

### דריי ברכות

ווי באקאנט האבן די מוסר-זאגער'ס דערמאנט און געווארנט מען זאל געדענקען ענטפערן אמן נאך די צוויי ברכות פון גאולה - 'המחזיר שכינתו לציון' און 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים', און האבן אויך געזאגט אז צוליב דעם וואס מען איז נישט מקפיד זיין צו ענטפערן אמן נאך זיי, האלט זיך צוריק די גאולה ('דרך משה ליום יא'; 'ספר הברית' ח"ב מאמר יב פרק א). אין 'ספר הפנים' (אות מז) ווארנט ער אויך אויף ענטפערן 'אמן' אויף נאך א ברכה פון די ברכות הגאולה, און דאס איז די ברכה 'מחיה המתים', וואס אסאך הייבן שוין אן צו זאגן 'קדושה' און פארגעסן צו ענטפערן אמן, און דורך דעם האלטן זיי צוריק די גאולה.

**רבי יהושע אלטר ווילדמאן** אב"ד קונסקיוואליע זאגט אז די חוב פון ענטפערן אמן אויף די דריי ברכות זענען מרומז אין די תפילה 'נחם' וואס ווערט געזאגט אין תשעה באב: "על כן ציון במר תבכה" - דאס איז די ברכה 'המחזיר שכינתו **לציון**' וואס "במר תבכה" אויף דעם וואס מען געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכה; "**וירושלים** תתן קולה" - דאס איז די ברכה 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים', וואס הייבט אויף איר קול מיט א געוויין אויף דעם וואס מען ענטפערט נישט אמן נאך די ברכה; "לבי לבי על חלליהם", דאס איז די ברכה "מחיה המתים", וואס זי קלאגט אויך אויף די וואס געבן נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף איר ('ואמרו אמן' ח"ב אות כד).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

שלום וברכה

שטארקט זיך אויף ווייטער, און השי"ת זאל אייך בענטשן אויף די קידוש השם וואס איר טוהט אן קיין אויפהער דורך אייערע אקטיוויטעטן, צוריק ברענגען דעם כבוד פון ה', אויפשטעלן דורות וואס זענען מחנך צו זיין "יודעי שמך", און עס איז קיין ספק אז אין דעם שכר וועלן זיי זוכה זיין צו ווערן גערעכנט צווישן די "לומדי תורתך לשמה".

שוין א לאנגע צייט וואס איך האב זיך אנגעטראפן מיט די מורא'דיגע ווערטער פון רבן של ישראל דער של"ה הק' אויף די מעלה פון ענטפערן אמן, ווי ער שרייבט (מסכת תמיד אות פ): "בספרי המקובלים השואבים מבאר מים חיים של הזוהר האריכו בסוד תיבת אמן ואותיותיו, **וכתבו כי העליונים והתחתונים כולם תלויים במלת אמן, והוא עיקר ושורש ויסוד מוסד לכל העולמות כולן**. ומי שמכוין לכל ברכה וברכה היוצאת מפי המברך ועונה אמן בכוונה כדינו, גורם למעלה קדושה הרבה מאוד, ומשפיע שפע רב טוב לכל העולמות, כי הוא פותח המקור העליון מקור מים חיים, כמו שפותח המעיין להשקות לכל הצריכים השקאה..."

איך האב געטראכט צולייגן, זיינע ווערטער אז דער יסוד פון אלע עולמות איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן, איז מרומז אין דער נוסח הברכה "רוקע הארץ על המים": 'על' - איז גימטריה 100, א רמז אויף די מאה ברכות. 'מים' (מיט די כולל) איז גימטריה 'אמן'. און דאס איז די כוונה, אז הקב"ה "רוקע הארץ על המים" - אז די גאנצע בריאה האט ער אוועקגעשטעלט 'על המים' - אויף די ברכות און אמן.

מיט רעספעקט און שעצונג

**יהודה לעמבערגער**

**בית שמש**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102

אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

### רבי שמואל ראזאווסקי זצ"ל

#### כ"ז תמוז תשל"ט



הגר"ש ראזאווסקי

רבי שמואל איז געבוירן געווארן אין דער שטאט גראדנא אין ליטא צו זיין טאטן רבי מיכל דוד וועלכער איז געווען א מורה הוראה אין שטאט. ווען ער איז עלטער געווארן, איז ער געגאנגען לערנען אין ישיבת 'שער התורה' אין זיין שטעטל, ביי זיין גרויסן רבי'ן רבי שמעון שקאפ, פון וועמען ער איז געווען שטארק באאיינפלוסט געווארן אין זיין שיטת הלימוד. אין יאר תרצ"ו איז ער ארויף קיין ארץ ישראל צו לערנען אין די לאמזא ישיבה אין פתח תקוה. שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון דער ירושלמ'ער רב רבי צבי פסח פראנק, בעל 'הר צבי'.

מיטן גרינדונג פון דער פאנאוויזש'ער ישיבה אין יאר תש"ד, איז ער גערופן געווארן צו שטיין אין שפיץ פון די ישיבה, און אין דעם תפקיד האט ער געדינט ביז זיין פטירה, ווען זיין נאמען איז באקאנט געווארן אלס איינער פון די גרעסטע ראשי ישיבות אין אונזער דור. ער האט אויפגעשטעלט אסאך בחורים. זיין דרך הלימוד איז באקאנט און אנגענומען אין דער ישיבה'שע וועלט, זיינע חידושים זענען געדרוקט אין די סעריע ספרים: 'שיעורי הגר"ש רוזובסקי', 'חידושי רבי שמואל' און 'שיעורי רבי שמואל'.

ער איז נפטר געווארן אין בני ברק כ"ז תמוז תשל"ט און באערדיגט געווארן אין די פאנאוויזש'ער בית החיים אין בני ברק.

### די טויערן וואס עפענען זיך פאר דער וואס ענטפערט אמן

די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים אמן". לכאורה קען מען פרעגן: די חז"ל רעדן דאך פון א יחיד וואס ענטפערט אמן, אזוי ווי עס זעהט אויס דער לשון "כל העונה אמן", איז פארוואס איז דער אויספיר "פותחים לו **שערי** גן עדן", בלשון רבים?

דער ראש ישיבה רבי שמואל ראזאווסקי ערקלערט דאס אויף צוויי אופנים:

א. ווען א מענטש געבט זיך איבער צו די מצוה פון ענטפערן אמן און איז עס מקיים "בכל כוחו", איז ער די טויערן וואס עפענען זיך פאר אים צום גן עדן, עפענען זיך נאך אסאך טויערן פאר זיין גאנצער דור, אויך זיי זענען זוכה צו גן עדן אין זיין זכות [ענליך צו וואס מיר טרעפן (עירובין נד ב) אז אין זכות וואס רבי פרידא האט זיך איבערגעגעבן אויסלערנען תורה פאר זיין תלמיד איז ארויס א בת קול און געזאגט אז רבי פרידא צוזאמען מיט זיין גאנצער דור זענען מזומן לחיי העולם הבא] ('נוטרי אמן' ח"א עמ' נ).

ב. אין זייער הבטחה אויף די עפענונג פון די "שערי גן עדן" האבן די חכמים געמיינט צו זאגן, אז פאר דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו וועלן זיך עפענען די טויערן פון די רוחניות'דיגע שפע אויף דער וועלט. און ווייל אז דער וואס איז "עונה אמן בכל כוחו" איז זוכה אז עס עפענען זיך "כל שערי השפע הרוחני בבריאה" און נישט נאר די טויער פון די רוחניות'דיגע שפע וואס איז פארבינדן מיט די מצוה פון ענטפערן אמן, דערפאר שטייט "שערי" בלשון רבים ('זכרון שמואל' עמ' תקלח).